**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט דאס פארענדיגען פון בארגען גראסערי ביים $75 מיליאן דאלאר פלאניגאן סקווער פארשידענארטיג-באנוץ דיוועלאפמענט פראיעקט אין טרוי**

***מיט פאזע איינס פארענדיגט, די נייע גראסערי געשעפט וועט העלפן קעמפן לאקאלע עסנווארג אומזיכערקייט***

***ריווער סטריט פראיעקט היפש אינטערוועגנס צו שאפן 72 פארשידענארטיגע-איינקונעפט און 123-יוניט וואוינונג פאר עלטערע פאציליטעט.***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגען פון די 20,000-קוואדראט-פוס בארגען גראסערי, א צוגענגליכע גראסערי געשעפט לאקירט ביי 558 ריווער סטריט, וואס רעפריזענטירט פאזע איינס פון די $75 מיליאן דאלאר פארשידנארטיג-באנוץ פלאניגאן סקווער דיוועלאפמענט אויף ריווער סטריט, אין טרוי, רענסעלאער קאונטי. אנטוויקעלט דורך פירסט קאלאמביע, די פראיעקט שפאנט דריי געביידעס און וועט אריינרעכענען מער פון 200 יוניטס פון וואוינונגען, אריינגערעכענט נידריג-איינקונפט און וואוינונג פאר עלטערע מענטשן און מער פון 40,000 קוואדראט פוס פון קאמערשיעל פלאץ. שטייענדיג אין טראָי'ס 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' ( Downtown Revitalization Initiative, DRI) דיסטריקט, וועט דער טראנספארמאטיווער פראיעקט העלפן אדרעסירן לאקאלע שוועריגקייטן ווי אומסטאבילע האוזינג און צוטריט צו עסנווארג אין איינס פון די הויפטשטאט ראיאן'ס מערסטע עקאנאמיש געדרוקטע צענזוס געגנטער, און עס וועט שאפן א דעסטינאציע לענגאויס די וואסער ברעג וואס וועט פאראויס טרייבן ראיאנישע וואוקס און דעוועלאפמענט.

"דאס פארענדיגען פון בארגען גראסערי איז נאך א וועג אונז אדרעסירן עסנווארג מדברות אין אונזערע געמיינדעס, און פלאניגאן סקווער ברענגט ארויס די סארט רידיוועלאפמענט אונז שטרעבן פאר וואס וועט טראנספארמירן אונזערע דאונטאונס," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "דורך אינוועסטירונגן אין אזעלכע דיוועלאפמענטס, מיין אדמיניסטראציע טוט העלפן צו פארמערן די וואוינונג סופליי, אדרעסירן אלטגעזעסענער פראבלעמען ווי עסנווארג אומזיכערקייט, און שאפענדיג בליענדע, דינאמישע געגענטער איבער ניו יארק סטעיט וואס וועט העלפן פאראויס טרייבן די ראיאנישע עקאנאמיע."

"די היינטיגע פייערונג פון די פארענדיגונג פון די בארגען גראסערי איז א מיילשטיין וואס וועט העלפן פארזיכערן אז געזונטע עסנווארג איז פארהאנען אין צפון טרוי," **ליטענאנט גאווערנער דעלגאדא האט געזאגט.** "און עס וועט אויך העלפן אונז ברענגן איין טריט נענטער צו צוגענגליכע און באצאלבארע וואוינונגען און סערוויסעס וואס וועט נאר העלפן פארשטערקערן אונזערע געמיינדעס."

בארגען גראסערי איז צוערשט געלאזט געווארן אין גאנג צוליב די מאנגל פון צוטריט צו עסנווארג אין די מערב יוטיקא געגענט. אפערירט דורך די קאמפעשין קאליציע, א נאן-פראפיט דינענדיג יוטיקא און צענטראלע ניו יארק, עס האט פארגרעסערט איר בארגען גראסערי צו די קאפיטאל ראיאן. פערציג

פּראַצענט פון אַלע עסנוואַרג אין אַמעריקאַ ווערט פארשווענדעט יאר יערליך, ווען גוטע, עסבארע עסנוואַרג ווערט ארויסגעווארפן צוליב אַסעטישע רייץ, פעקדעשינג פּראָבלעמען אדער פאַלש-באַשטעלונגען.בארגען גראסערי טוט פאַרשטעלן קוואַליטעט, געזונטע עסנוואַרג פאַר צוגענגליכע פרייזן צו א ראיאן מיט עסנוואַרג אומזיכערקייט און צו די זעלבע צייט טוט ארבעטן צו פארמיידן עסנוואַרג פארשווענדעניש. קאמפּעשען קאַליציע טוט אויך צושטעלן דיסקרעטע פינאַנציעלע הילף צו די וואס דארפן. קאמפעשען קאַליציע האט געמאכט שותפות מיט וואַקסער, דיסטריביוטער און גרויסע קארפּאַרעט דאנארס צו ברענגן עסנוואַרג צוטריט צו געמיינדעס צו קעמפן עסנוואַרג פארשווענדעניש, און די איינקונפט פון די געשעפט האבן זיי געלאזט געבן מער ווי 50$ מיליאן דאלאר אין געשאנקענע ווארע יעדעס יאר און סערווירן מער פון 350,000 אינדיווידואַלן יערליך.

די פלאַניגאַן סקוועיר פּראיעקט זיצט אין די צפון עק פון טרוי'ס דאונטאון ווידער-אויפלעבן איניציאַטיוו זאנע, וואס איז געשאנקען געווארן אין 2021. די געדיכטע ריווערוואָלק DRI דיסטריקט אַנטהאַלט א גרויסע טייל פון די שטאט'ס קונסטווערק, קולטור און אונטערהאַלטונג מיטלען, אריינרעכענענדיג איבער א מייל און א האַלב פון טייך ברעגעס. אלס טייל פון די 10 מיליאן דאלאַרדיגע סומע וואס די שטאט האט באַקומען, זענען 11 פּראיעקטן אויסגעוועהלט געווארן פאַר פינאַנצירונג אין סך הכל, אויסגעשטעלט צו באַרייכערן די ארטיגע לעבהאַפטיגע קונסט און קולטור סצענע, די פריינטליכקייט צו פיסגייער און פארבינדונג, האוזינג געלעגנהייטן און קאמיוניטי סערוויסעס.

די טראַנספאָרמאַציע פון Flanigan Square רעכנט אריין דריי לאָקאַציעס — 547, 549 און 558 River Street אין טראָי'ס שטאָט-צענטער. אויף 547 River Street רעכנט דער פראיעקט אריין א 68,000 סקוועיר-פיסיגע פארוואנדלונג פון אן אפיס געביידע צו ווערן 72 וואוינונג יוניטס — מער פון האלב פון וועלכע וועלן געהאלטן ווערן אלס יוניטס פאר פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט. נאך אינעווייניגע און דרויסנדיגע רענאוואציעס וועלן שאפן מער פון 40,000 סקוועיר פיס פון ביזנעס פלאץ, מיט פלענער פאר א דרויסנדיגע קריכן וואנט און א דזשים ארומגענומען מיט גלאזערנע ווענט. נאך ארבעט אין דעם פראיעקט רעכנט אריין אויסגעפלאסטערטע וועגן פאר פיסגייער, עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס און פארבעסערטע פארקינג. אריבער צו די דערנעבנדע געביידע, 549 River Street, פלאנירט First Columbia צו אויפבויען אן איינריכטונג מיט 123 יוניטס פון האוזינג פאר עלטערע מענטשן.

די 75$ מיליאן דאלאר פראיעקט ווערט געשטיצט מיט ביז 6.7$ מיליאן דאלאר אין עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט (ESD) גרענטס, אריינגערעכנט 3$ מיליאן דאלאר פון די קאפיטאל ראיאן'ס אפסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו פאנד. ESD האט אויך געשאנקען פאר דעם פראיעקט ביז 9 מיליאן דאלאר אין 'נייע מארקעט' טעקס קרעדיטס וואס ווערן געגעבן פאר די צוועק פון אויפטרייבן קאמיוניטי דעוועלאפּמענט אין געגנטער אין די סטעיט מיט נידעריגערע איינקונפט שטאפלען. אין צוגאב טוט די סיטי אָוו טראָי ביישטייערן 400,000$ פון די געלטער וואס זי איז צוגעטיילט געווארן דורך דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ'. די פראיעקט וועט שאפן ניין דשאבס און איז ערווארטעט צו טרייבן מער פון 120 אומדירעקטאר דשאבס לאקאל.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט וואלטער טי. מאסלי האט געזאגט,** "די פאַרענדיגונג פון בארגען גראסערי בויט אויף די מאמענטום פון טרוי'ס דאונטאוון ווידער-אויפרישונג איניציאטיוו צו צושטעלן שטארק-געדארפטע סערוויסעס צו עקזיסטירענדע איינוואוינער. צוזאמען מיט די פראיעקטן, די גראסערי און דאס גאנצע פלאניגען סקוועיר וועט העלפן פארבעסערן די דאונטאוון געמיינדע ווענגלייך טרייבן עקאנאמישע וואוקס פאר די סיטי און די גאנצע ראיאן פאר יארן צו קומען."

**עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט פרעזידענט און קאמיסיאנער האופ נייט האט געזאגט,** "אונז זענען שטאלץ צו מיטארבעטן נאכאמאל מיט קאמפעשען קאליציע צו פארברייטערן זייער סערוויסעס צו

פלאניגען סקווער, וואס וועט העלפן די געמיינדע מיט בעסערע צוטריט צו צוגענגליכע, געזונטע עסנווארג. אונז קוקן ארויס צו די פארענדיגונג פון די קומעדיגע פאזע פון פלאניגען סקווער און די ווידער-אויפלעבונג עס וועט ברענגן צו די געגענט."

**NYS וואוינונגען און געמיינדע באנייונג קאמיסיאנער רוטען ווינאוסקאס האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער צוטריט צו צוגענגליכע הייזער און קוואליטעט עסנווארג וואס איז נארמאל געפרייזט. מיט 200 וואוינונגען, ארייגערעכנט 37 צוגענגליך און רעסארסעס ווי בארגען גראסערי, די טראנספארצאמיע פון פלאניגען סקווער וועט זיין א מאדעל פאר געמיינדע ווידער-אויפלעבונג. א דאנק צו גאווערנער האקול און אלע אונזער גאווערמענט מיטארבעטער פארן פירן די וועג אויף וויכטיגע איניציאטיוון וואס ריקן פאמיליעס פאראויס."

**סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשארד א. באלל האט געזאגט,** "די סטעיט'ס אינוועסטירונג אין בארגען גראסערי אין די טרוי געמיינדע בויט אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פארשטערקערן די לאקאלע עסנווארג סיסטעם, שטיצן אונזער פארמער און פארמערן צוטריט צו געזונטע, נארהאפטיגע עסנווארג פאר אלע ניו יארקער, ספיצעל די אין פארנאכלעסיגטע געמיינדעס. די בארגען גראסערי וועט נישט נאר צושטעלן פאר פאמיליעס אין די געגענט די געלעגענהייט צו קויפן עסנווארג זיי קענען פילן גוט איבער עסן, און אין פילע פעלער עסנווארג געשאפט פון לאקאלע וואקסער, נאר זיי קעמפן אויך עסן פארשווענדונג. קאנגראטולאציעס צו בארגען גראסערי און די קאמפעשען קאליציע אויף די פארברייטערונג צו די קאפיטאל ראיאן."

**ערשט קאלאמביע גרינדער און פרעזידענט קעווין בעטע האט געזאגט,** "ערשט קאלאמביע איז געעהרט צו ארבעטן צוזאמען מיט עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט אויף די $75 מיליאן דאלאר פלאנגען סקווער טראנספארמאציע פראיעקט, וואס רעכנט אריין פארשידענארטיג-באנוץ וואוינונגען, קאמערשיעל דיוועלאפמענט און בארגען גראסערי, א נישט פאר פראפיט גראסערי געשעפט מיט א מיסיע צו אדרעסירן עסנווארג אומפארזיכערטקייט אין צפון צענטראל טרוי, איינער פון די מערסט נויטיגע געגענטער אין ניו יארק'ס קאפיטאל ראיאן. פארענדיגען די אויפבוי פון בארגען גראסערי איז א וויכטיגער מיילשטיין צו דערגרייכן. אונז וואלטן דעס נישט געקענט טוהן אן פילע פריוואטע און פובליק געמיינדע מיטארבעטער. אונז זוכן נאכאלץ פאר מער מיטארבעטער זיך צאמצושטעלן מיט די עפפארט. לאמיר לייטן אונזער ענערגיעס צו שליכטן די פראבלעם פון עסנווארג אומפארזיכערטקייט."

**קאמפעשען קאליציע און בארגען גראסערי גרינדער און CEO מייק סערוועלא האט געזאגט,** "אונז זענען פריילעך איבער די נייע געלעגענהייט צו דינען אונזער פפריינט און שכנים אין די טרוי און קאפיטאל ראיאן דורך בארגען גראסערי און קאמפעשען קאליציעץ אונז דאנקט גאווערנער האקול און אלע וואונדערליכע מענטשן וואס דינען אין די ניו יארק סטעיט גאווערמענט און זענען געווען א ריזן שטיצע דעס צו מאכן א ריאליטעט."

**סטעיט סענאטאר דשעיק עשבי האט געזאגט,** "די פלאניגן סקווער דיוועלאפמענט פראיעקט איז אלעס איבער נאכקומען קריטישע געמיינדע געברויכן - מער וואוינונגען, מער עקאנאמישע אקטיוויטעטן און מער צוטריט צו נארהאפטיגע עסנווארג. איך בין גאר פריילעך צו באגריסן בארגען גאסערי צו אונזער דיסטריקט, און איך בין געשפאנט צו שטיצן קאמפעשען קאליציע'ס מיסיע ווען זיי פארברייטערן זיך צו די קאפיטאל ראיאן."

**אסעמבלימעמבער דשאן ט. מעקדאנעלד III, RPH האט געזאגט,** "ברענגן צוגענגליכע עסנווארג צו דאונטאון טרוי טוט נישט נאר פארבעסערן עסנווארג צוטריט פאר איינוואוינער וואס דארפן דאס, נאר שטעלט אויך צו א גייענדיגע אפציע פאר יעצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער. א דאנק עמפייער סטעיט

דעוועלאפמענט און גאווערנער האקול פאר'ן שטיצן די אנגעייענדע וואוקס און אנטוויקלונג פון די סיטי פון טרוי."

**טרוי מעיאר קארמעלא מאנטעלא האט געזאגט,** "בארגען גראסערי און די פלאנגען סקווער דיוועלאפמענט וועט העלפן צו טראנספארמירן אונזער צפון צענטראלע געגענט און שטאט. בארגען גראסערי וועט אדרעסירן אן עסנווארג מדבר און קריטישע געברויך איך די געגענט, צוזאמען מיט שטארק געדארפטע וואוינונגען פאר עלטערע. א דאנק דע מיטארבעט פון גאווערנער האקול און ערשט קאלאמביע צוזאמען מיט אונזער שטאט ARPA געלטער איך בין גאר פריילעך צו זעהן דעם פראיעקט פארווירקליכט ווערן."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן